**אויף תיכף ארויסצוגעבן:** 5/30/2024 **גאווערנער קעטי האקול**

**גאווערנער האקול מעלדט $39.6 מיליאן איז יעצט אוועילעבל צו נידריגע איינקונפט ניו יארקער פאר היים ענערגיע ווירקזאמקייט און עלעקטריציזירונג אויסבעסערונגען**

***ניו יארק ווערט די ערשטע סטעיט צו אפפערן US דעפארטמענט פון ענערגיע היים ענערגיע צוריקצאל פאנדינג; פאנדס יעצט אוועילעבל דורך די סטעיט'ס EmPower+ פראגראם***

***רוקט פאראויס קלימאט אקט ציהל צו רעדוצירן שעדליכע גאז עמיסיעס מיט 85 פראצענט ביז 2050***

גאווערנער קעטי האקול האט היינט זיך באטייליגט מיט US דעפארטמענט פון ענערגיע (DOE) סעקרעטערי גרענהאלם און ווייסע הויז סעניאר ראטגעבער דזשאן פאדעסטא ביי די Andromeda Community Initiative אין קווינס צו פייערן ניו יארק סטעיט ווערן די ערשטע סטעיט אין לאנד צו אפפערן די ערשטע פאזע פון Inflation Reduction Act (IRA) Home Electrification and Appliance Rebates (HEAR) פראגראם פאנדינג צו איינקויפער. די ערשטע $39.6 מיליאן פארמולע גרענט וועט אויסברייטערן די דערגרייכונג פון ניו יארק'ס EmPower+ פראגראם דורך ערלויבן מער נידריגע-איינקונפט פאמיליעס צו פארבעסערן זייערע היימען מיט ענערגיע ווירקזאמקייט און עלעקטריפיצירונג אויסבעסערונגען וואס וועט נידערן ענערגיע קאסטן און איבערגיין אוועק פון ברענען פאסיל גאזן אין זייערע היימען. די היינטיגע מעלדונג שטיצט די סטעיט'ס קלימאט פירערשאפט און קאמיוניטי שוץ אקט צילן צו פארמינערן ארויסגעבן פון גרינהויז גאז מיט 85 פראצענט ביז 2050 און פארזיכערן אז כאטש 35 פראצענט, מיט א ציל פון 40 פראצענט, פון די בענעפיטן פון ריינע ענערגיע אינוועסטירונגען זענען געצילט צו שוואכערע קאמיוניטיס.

"אלס די ערשטע סטעיט אין די לאנד צו אפפערן די Inflation Reduction Act צוריקצאלונגען, טוען מיר אויסברייטערן צוטריט צו היים פאריכטונגען וואס וועט שפארן ניו יארקער געלט אויף זייער ענעגיע בילס און נידערן אונזער אנלייגונג אויף פאסיל פיולס," **האט גאווערנער האקול געזאגט.** "א דאנק אונזער שטארקע שותפות צווישן ניו יארק סטעיט, דיביידען אדמיניסטראציע, און די US דעפארטמענט פון ענערגיע, מאכן מיר וויכטיגע פארשריט צו מאכן די ריינע ענערגיע איבערגאנג עפארדעבל פאר אלע ניו יארקער."

**אמעריקאנע סעקרעטאר פון ענערגיע דזשעניפאר מ. גרענהאלם האט געזאגט,** "פון טעקס קרעדיטס צו ריבעיטס, איז דיביידען-העריס אדמיניסטראציע איז אנטשלאסן צו נידערן קאסטן פאר אמעריקאנע פאמיליעס און טווישן די עקענאמיקס פון היים ענערגיע ביל. ניו יארק טוט פירן די וועג אזוויו סטעיטס איבער די לאנד גארטלען זיך אן צו אנהויבן זייער היים ענערגיע ריבעיטס פראגראם - אפשיקנדיג דזשאבס, שפארונגען, און געזונטערע היימען."

די היינטיגע מעלדונג פארטרעט די ערשטע טריט אין ניו יארק סטעיט איינשפאנענדיג די IRA ריבעיטס צו איינוואוינער. פאנדינג פאר די גאנצע פארטפאליא פון IRA היים ענערגיע ריבעיטס פראגראמען און

איינשפאנונג פון נאך ריבעיטס איז ערווארטעט שפעטער די יאר. די סטעיט איז בארעכטיגט צו באקומען א סך הכל פון $317.7 מיליאן דורך די DOE'ס IRA היים ענערגיע ריבעיט פראגראמען: $159.3 מיליאן פאר היים ווירקזאמקייט ריבעיטס פראגראם און $158.4 מיליאן פאר HEAR פראגראמען.

אין אפריל 2024, האט די US DOE באשטעטיגט די ניו יארק סטעיט Energy Research און Development Authority'ס (NYSERDA) טיילווייזע אפליקאציע פאר די ערשטע פאנדינג, וואס ערלויבט NYSERDA'ס נידריגע איינקומען EmPower+ פראגראם צו אויסברייטערן איר יעצטיגע דערגרייכונג דורך צושטעלן פאנדינג פאר נאך ענערגיע ווירקזאמקייט און בענעפיטירנדע עלעקטריציטעט אויסבעסערונגען, ווי אינסולעישן און עיר סילינג, הייצונג פאמפס פאר פלאץ און וואסער הייצונג, און סיי וועלכע נויטיגע עלעקטרישע פארבעסערונגען צו העלפן די אויסבעסערונגען.
אנגעהויבן היינט, וועלן בארעכטיגטע אייגנטומער פון איין- צו פיר-פאמילע משפחות וואס האבן א משפחה איינקונפט אונטער 80 פערצענט פון די עריע מידיען אינקאם אדער נעמען אנטייל אין א יוטיליטי פעימענט הילף פראגראם וועט אויטאמאטיש ווערן איינגעשריבן צו בענעפיטירן פון IRA HEAR ציאונגען ווען זיי געבן זיך איין צו די EmPower+ פראגראם. אנרייצונגען ווערן צוגעשטעלט צו איינוואוינער דורך EmPower+ קאנטראקטערס צו רעדוצירן די קאסט פון אינסטולירן ענערגיע ווירקזאמקייט און עלעקטריציטעט פארבעסערונגען אין א הויז אדער דירה, מאכנדיג זיי אלע מער עפארדעבל פאר ניו יארקער. פאר מער אינפארמאציע ארייגערעכנט די אפליקאציע צוגאנג און בארעכטיגונג פאדערונגען, ביטע באזוכט NYSERDA'ס וועבזייטל.

NYSERDA טוט יעצט ארבעטן צו אנטוויקלען און ארייגעבן די גאנצע HEAR אפליקאציע צו ערמעגליכן ריבעיט פארשלאגן צו מיטל-איינקונפט איינוואוינער, ביז 150 פערצענט פון עריע מידיען איינקונפט, און צו אייגנטומער פון א גרעסערע נידריג- און מיטל-איינקונפט מולטי-פאמיליע געביידעס, ארייגערעכנט הויכע-ווירקזאמקייט עלעקטריק אפלייענס ריבעיטס.

**NYSERDA פרעזידענט און CEO דארין מ. העריס האט געזאגט,** "די Inflation Reduction Act וועט זיין קריטיש אין העלפן ניו יארקער מאכן עפארדעבל היימען ווירקזאמקייט פארבעסערונגען בשעת'ן אויך נוצן די סטעיט'ס שטארקע פארפליכטונג צו רעדוצירן עמישנס און קאנפראנטירן די גלאבאלע שוועריגקייט פון קלימאטן טויש. מיט די פאנדינג, וועט די סטעיט'ס אויסגעברייטערטע EmPower+ פראגראם קאנצענטרירן אויף די וואס דארפן הילף די מערסטע דורך צושטעלן די געלעגנהייט צו הנאה האבן פון די בענעפיטן פון הויכע-אויספירן, ענערגיע-שפארזאמע מאסנאמען דורכאויס זייערע היימען."

**סענאט מאיאריטעט פירער טשארלס שומער האט געזאגט,** "די Home Electrification און Appliance Rebates/HEAR פראגראם איז די געהיימע געווירץ פון אונזער גרונט ברעכנדע Inflation Reduction Act: עס שפארט איינקויפער געלט אויף ענערגיע קאסטן בשעת'ן רעדוצירן די פארפעסטיגטע גרינהאויז גאזן וואס טרייבן גלאבאלע אנווארעמונג. מיט די $40 מיליאן פעדעראלע אויפהייבונג, וועט די HEAR פראגראם רעדוצירן די קאסט פון אינסטולירן ענערגיע ווירקזאמקייט און עלעקטריציטעט אויסבעסערונגען אין א הויז אדער דירה, מאכנדיג זיי מער עפארדעבל פאר ניו יארקער בשעת'ן ראדיקאל נידערן קארבאן פארפעסטיגונג. איך בין שטאלץ צו שטיין מיט סעקרעטאר גרענהאלם און די ביידען אדמיניסטראציע צו מעלדן די גרויס אינוועסטירונג אין ריינע ענערגיע און ענווייראנמענטאלע יוסטיץ און א דאנקען גאווערנער האקול פארן העלפן ניו יארק ערגרייכן א געזונטערע און ליכטיגערע צוקונפט."

**הויז מינאריטעט פירער האקים דזשעפריס האט געזאגט,** "די $39.6 מיליאן אין Inflation Reduction Act ריבעיט פאנדינג וועט ערלויבן ניו יארקער צו אטעמען ריינערע, זיכערערע לפט, לייגנדיג געלט צוריק אין די טאשן פון פאמיליעס און העלפן ברענגען די לאנד-פרינדע קלימאטן פלאן צום לעבן. אין די לעצטע קאנגרעס, הויז דעמעקראטן, אין מיטארבעט מיט פרעזידענטביידען און סענאט דעמאקראטן, האבן זיי דורגעפירט די טראנספארמירנדע Inflation Reduction Act צו שאפן די גרעטע אינוועסטירונג

אין באקעמפן די קלימאטן קריזיס אין די היסטאריע פון די וועלט. איך בין דאנקבאר צו פרעזידענטביידען, די אמעריקאנע דעפארטמענט פון ענערגיע און גאווערנער האקול פאר זייער מיטארבעט אין פארזיכערן די וויכטיגע פאנדינג פאר ניו יארק."

**פארטרעטער גרעיס מענג האט געזאגט,** "א דאנק גאווערנער האקול, סעקרעטאר גרענהאלם און סעניאר ראטגעבער פאדעסטא פארן קומען צו קווינס צו געדענקען די מיליאנען דאלארן פאר היים ענערגיע ווירקזאמקייט און עלעקטריציטעט פארבעסערונגען. אלס ניו יארק'ס פארטרעטער אין די הויז פון רעפרעזענטאטיוו'ס ראיאנאלע פירערשאפט קאנסול - וואס ארבעט צו אויסהייבן און איינפירן לעגיסלאציע אונטערגעשריבן דורך פרעזידענט ביידען - בין איך גליקליך אז אונזער סטעיט וועט זיין די ערשטע אין די לאנד ו אפפערן די ריבעיט פאנדינג. עס איז דא א לאנגע וועג צו רעדוצירן ענערגיע קאסטן און פארזיכערן א ריינערע, געזונטערע צוקונפט פאר ניו יארקער. איך בין שטאלץ אז איך האב געהאלפן דורכפירן די אומפארטייאישע אינפרוסטרוקטור געזעץ וואס טוט ווייטער דעליווערן נויטיגע הילפסמיטלען איבער די סטעיט."

**פארשטייער אדריאנא עספעילעט האט געזאגט,** "אזוי ווי מיר גייען אריין אין די זומער מאנאטן, טוה איך באגריסן גאווערנער האקול אויף די היינטיגע מעלדונג אויסברייטערנדיג ניו יארק'ס EmPower+ פראגראם, מאכנדיג עס מער צוגענגליך פאר נידריגע-איינקומפט פאמיליעס וואס זענען אנגעוואנדן אויף די פאנדינג צו פארזיכערן ענערגיע ווירקזאמקייט פאר זייערע היימען. ניו יארק טוט נאכאמאל פירן די וועג אין ערפינדונג אין איינפירונג פון די IRA היים עלעקטריפיצירונג און אפלייענס ריבעיטס (HEAR) פראגראם צו לייגן פאמיליעס פאראויס און מאכן ענערגיע ווירקזאמקייט מער עפארדעבל פאר אלע."

**פארשטייער דזשאו מארעל האט געזאגט,** "צופיל פאמיליעס טוען ווייטער פילן די דרוק פון שטייגנדע קאסטן. פון העלטקעיר צו פרעסקריפשן דראגס צו הייצן און אפקילן זייערע היימען און אנדערע וויכטיגע געברויכן, האב איך געהערט שרעקליכע געשיכטעס פון מענטשן שניידנדיג אויסגאבן זיך צו קענען דעקן, עפעס וואס מיר קענען נישט ערלויבן עס זאל אנגיין. א דאנק די פעדעראלע פאנדס וואס איך האב פארזיכערט אלס טייל פון די Inflation Reduction Act, וועט די דעפארטמענט פון ענערגיע פראגראם העלפן פארזיכערן מענטשן'ס היימען זענען אפדעיטעד מיט ענערגיע-שפארנדע און אויסגאבן-שפארנדע טעכנעלאגיעס, אלעס פאר א נידריגע קאסט. איך בין דאנקבאר צו גאווערנער האקול פאר איר פירערשאפט און איך קוק ארויס צו אנגיין מיט אונזער ארבעט צוזאמען צו אויפבויען פאמיליעס אין מאנראו קאונטי און איבער ניו יארק סטעיט."

**פארשטייער דזשאמאאל באומאן האט געזאגט,** "מיר דארפן מאכן בולט'ע אינוועסטירונגען אין באנייבארע ענערגיע איבעראל- פון אונזערע שולעס צו אונזער היימען. הייצן אונזערע היימען אין די ווינטער, האלטן עס קיל אין די זומער, און נוצן אונזערע אויוונס און אנדערע געצייגן זאל נישט ביישטייערן צו די קלימאטן קאטאסטראפע וואס מיר טוען יעצט באגעגענען. איך בין פרייליך זיך צו אנשליסן מיט גאווערנער האקול און סעקרעטאר גרענהאלם אין מעלדן נאנט צו $40 מיליאן אין פאנדינג יעצט צו באקומען צו ניו יארקער פאר היים ענערגיע ווירקזאמקייט און עלעקטריפיציקאציע פארבעסערונגען און ריבעיטס- מיט נאך וואס קומט. איך בין ספעציעל שטאלץ אז די אינוועסטירונגען קאנצענטרירן זיך אויף נידריגע-איינקומפט ניו יארקער און באזייטיגטע גרופעס וואס זענען מערסטס באווירקט דורך די שאדן פון קלימאטן טויש און די יאך פון הויכע עלעקטריציטעט בילס. די Home Energy Rebate Programs זענען א דירעקטע רעזולטאט פון אונזער טראנספארמירנדע Inflation Reduction Act, וואס טוט שטענדיג לייגן געלט צוריק אין מענטשנ'ס טעשער.  די נייע פאנדינג וועט נידערן קאסטן פאר שווער ארבעטנדע ניו יארקער און שטיצן ניו יארק אין דערגרייכן איר קלימאטן צילן."

**פארשטייער ריטשי טארעס האט געזאגט,** "איך בין שטאלץ זיך צו אנשליסן מיט גאווערנער האקול צו מעלדן א מאסיווע $39.6 מיליאן אינוועסטירונג אין ענערגיע ריבעיט פאנדינג פאר נידריגע-איינקונפט ניו יארקער. די געלט איז די דירעקטע רעזולטאט פון די פרעצעדענטלאזע גרינע ענערגיע אינוועסטירונגען

אין פרעזידענט דזשאוביידען און קאנגרעסיאנאלע דעמעקראטן'ס לאנדמארק Infrastructure Reduction Act (IRA). די פארמערטע ענערגיע ווירקזאמקייט געברענגט דורך די HEAR פראגראם'ס נאכרישטונגען וועלן שפארן נידריגע-איינקונפט בראנקער געלט. עס וועט אויך רעדוצירן קארבאן עמישנס - ספעציעל וויכטיג אין א בארא מיט די העכסטע ראטע פון אסטמא און אנדערע לונגען קרענק אין די שטאט. די פראגראם איז אן אויסגעצייכנטע ביישפיל וויאזוי דעמעקראטישע פאליסי טוט ארבעטן צו באווירקן די טעגליכע לעבנס פון די אין אונזער דיסטריקט און ווייטער. עס איז אפט א פריוועליגיע צו טראכטן איבער ענערגיע ווירקזאמקייט ווען מען נעמט אין באטראכט האוזינג, צוליב די געצוימטע צוטריט פון קוועלער, אבער מיט די IRA איז איז מעגליך. פון א געמיינדע וואס טוט שוין יעצט זיך מוטשענען מיט צוגענגליכקייט, איז דאס א טריט אין די ריכטיגע ריכטונג."

**פארשטייער דען גאלדמאן האט געזאגט,** "אזוויוי מיר גייען אריבער צו א ריינערע, גרינערע עקאנאמיע, איז עס וויכטיג אז קיינער - אפגעזען פון זייער מצב - ווערט איבערגעלאזט. דורך פרעזידענט ביידען און הויז דעמעקראטן'ס Inflation Reduction Act, קענען מיר ענדליך פארזיכערן אז יעדער האט צוטריט צו די ענערגיע און ווירקזאמקייט פארבעסערונגען וואס האבן איבערגעמאכט אונזער לאנד'ס גרינע אינפרוסטרוקטור.  איך בין שטאלץ אז אונטער קעטי האקול'ס פירערשאפט, איז ניו יארק די ערשטע אין די לאנד צו אויסלייגן די ריבעיטס, ערלויבנדיג נידריגע-איינקונפט פאמיליעס איבער די סטעיט צו אנטייל נעמען אין אונזער לאנד'ס גרינע איבערגאנג."

**גערביידע אויספירונג קאנטראקטארס אסאוסיעשן פרעזידענט העל סמיט האט געזאגט,** "אין נאמען פון ניו יארק'ס בילדינג פערפארמענטס קאנטראקטארס, באגריסונגען צו יעדן וואס האט געהאלפן פירן די וועג פאר די גאנצע לאנד. עס איז א געוואלדיגע צייט צו זיין א ניו יארקער!"

**Rewiring America CEO ארי מאטעסיוק האט געזאגט,** "היינט צייכנט א לאנדמארק מאמענט אין די איינפירונג פון די גרעסטע קלימאטן ביל אין היסטאריע. מיר באגריסן ניו יארק פארן ווערן די ערשטע סטעיט אין די לאנד צו אויסלייגן די Home Electrification און Appliance Rebates און אפלאדירן די דעפארטמענט פון ענערגיע פארן פריאריטיזירן דאס באקומען די געלטער ארויס פון טיר און אריין אין די געמיינדעס. דורך מאכן א פראגראם וואס קומט נאך די נויטיגונגען פון איר געמיינדעס און טוט דירעקטירן די ערשטע פארציע פון פאנדינג אויסשליסליך צו נידריג-איינקומפט פאמיליעס וואס שטייען צו בענעפיטירן די מערסטע פון נידריגערע ענערגיע בילס און געזונטערע היימען, טוט ניו יארק נעמען א וויכטיגע טריט אין פארזיכערן אז די איבערגאנג צו א בלויז-עלעקטריק צוקונפט איז א גלייכע. מיר זענען געשפאנט צו זעהן די נעקסע לאדונג פון ריבעיט פראגראמען זיך עפענען אין די קומנדע מאנאטן און זעהן סטעיטס נאכפאלגן ניו יארק'ס פירערשאפט אין גוט אויסשטעלן ווירקזאמע פראגראמען וואס מאכן די מערסטע פון די היסטארישע געלעגנהייט."

**קלימאט & ענערגיע קוועלער פארטיידיגונג קאנסול ניו יארק פאליסי דירעקטאר סעמענטא ווילט האט געזאגט,** "ניו יארק איז די ערשטע סטעיט צו נוצן די IRA'ס Home Electrification און Appliance Rebates Program צו אינוועסטירן אין די היימען פון די סטעיט'ס מערסט עמפינדליכע פאמיליעס בשעת'ן שניידן קלימאטן פארפעסטיגונג.  די פאנדס ווערן אינוועסטירט אין א וועג וואס טרייבט בענעפיטן צו די ניו יארקער וואס דארפן זיי די וויכטיגסטע און פארזיכער אז די שאדנס פון ברענענדע פאסיל פיולס ווערן גענידערט און גע'רודפ'טע געמיינדעס. מיט די אינוועסטירונג, וועט ניו יארק דעליווערן מער בלויז-עלעקטריק געצייג, אינסולעישן, און דראטן פארבעסערונגען פאר ערנסט פארבעסערטע, זערא-עמישן הייזער."

גערביידעס זענען איינס פון די גרעסטע קוועלער פון גרינהאויז גאז ארויסגעבונג אין ניו יארק סטעיט און דורך NYSERDA און יוטיליטי פראגראעמען, ווערט מער ווי $6.8 מיליאן אינוועסטירט צו די-קארבאניזירן געביידעס איבער די סטעיט. דורכן פארבעסערן ענערגיע שפארזאמקייט אין געביידעס און שטופן פאר די אינסטאלאציע פון אויפן-ארטיגע סטארעדזש אריבער די סטעיט, ריינע ענערגיע מיטלען און עלעקטרישע קארן טשארדזשינג עקוויפמענט, וועט די סטעיט רעדוצירן איר קארבאן פארפעסטיגונג

און זיך רוקן אין ריכטונג פון איר אמביציעזע ציהל צו רעדוצירן אויפן-ארטיגע ענערגיע באנוץ מיט 185 טריליאן BTU ביז 2025, גענוג צו צושטעלן עלעקטריציטעט פאר 1.8 מיליאן היימער.

פינאנצירונג פאר EmPower+ קומט דורך די איינגעפירטע FY 2023-2024 סטעיט בודזשעט, די סטעיט'ס Clean Energy Fund, די Regional Greenhouse Gas Initiative, און די Federal Inflation Reduction Act. מען קען באקומען מער אינפארמאציע וועגן דעם פראגראם און פארבינדענע געלטער פון דעם אויף NYSERDA's וועבזייטל.

**ניו יארק סטעיט'ס לאנדס-פירנדע קלימאט פלאן**

ניו יארק סטעיט'ס קלימאט אגענדע רופט פאר א מסודר'דיגע און יושר'דיגע אריבערגאנג צו ריינע ענערגיע אויף א פארנעם וואס שאפט נייע דזשאבס וועלכע ערמעגליכן ארבייטער צו אויסהאלטן א פאמיליע, עס זעצט פאר צו שטיצן א גרינע עקאנאמיע אין אלע סעקטארן און פארזיכערט אז צום ווייניגסטנס 35 פראצענט – שטרעבנדיג צו 40 פראצענט – פון די בענעפיטן פון ריינע ענערגיע אינוועסטירונגען קומען אן צו שוואכערע קאמיוניטיס. ווערנדיג געוויזן די וועג דורך טייל פון די לאנד'ס מערסט-אגרעסיווע קלימאט און ריינע-ענערגיע אינציאטיוון, שטופט ניו יארק פאראויס א רייע פון באמיאונגען – אריינרעכענענדיג דער ניו יארק עמיסיע באגרעניצונג אינוועסטירונג (New York Cap-and-Invest, NYCI) פראגראם און אנדערע באגלייטנדע פאליסיס – צו דערגרייכן א 40 פראצענט רעדוקציע אין שעדליכע גאז עמיסיעס ביז 2030, און א 85 פראצענט רעדוקציע ביז 2050, אראפ פון די שטאפלען וואו עס איז געווען אין 1990. ניו יארק איז אויך אויף די רעלסן צו עררייכן איר ציהל צו האבן אן עמיסיע-פרייע עלעקטריציטעט סעקטאר ביז 2040, אריינרעכענענדיג צו אנקומען צו 70 פראצענט פון ענערגיע ווערנדיג אויפגעטריבן פון ריינע מקורות ביז 2030, און צו אנקומען צו א קארבאן-נייטראלע עקאנאמיע ביז די מיטן פון די יאר-הונדערט. א צענטראלע חלק פון די אריבערגאנג זענען ניו יארק'ס פרעצעדענטלאזע אינוועסטירונגען אין ריינע ענערגיע, אריינרעכענענדיג מער פון 28 ביליאן דאלאר אין 61 גרויסארטיגע ריינע ענערגיע און עלעקטריציטעט דראטן פראיעקטן איבערן סטעיט, 6.8 ביליאן דאלאר צו רעדוצירן עמיסיעס פון געביידעס, 3.3 ביליאן דאלאר צו פארגרעסערן די מאס פון סאלאר ענערגיע, כמעט 3 ביליאן דאלאר פאר ריינע טראנספארטאציע אינציאטיוון און איבער 2 ביליאן דאלאר אין ניו יארקע גרינע באנק (NY Green Bank) פארפליכטונגען. די און אנדערע אינוועסטירונגען שטיצן מער פון 170,000 דזשאבס אין ניו יארק'ס ריינע ענערגיע סעקטאר זינט 2022 און א 3,000 פראצענטיגע וואוקס אין די דיסטריביוטעד סאלאר סעקטאר זינט 2011. כדי צו רעדוצירן שעדליכע גאז עמיסיעס און פארבעסערן די קוואליטעט פון די לופט, האט ניו יארק אריבערגעפירט עמיסיע-פרייע קארן רעגולאציעס, אריינרעכענענדיג די פאדערונג אז אלע נייע פאסאנזשיר קארן און טראקס וועלכע ווערן פארקויפט אין די סטעיט זאלן זיין פריי פון עמיסיעס ביז 2035. שותפות'ן גייען ווייטער אן צו פאראויס שטופן ניו יארק'ס קלימאט שריט, מיט מער פון 400 רעגיסטרירטע און מער פון 130 סערטיפייד 'קלימאט-קלוגע' קאמיוניטיס, כמעט 500 ריינע-ענערגיע קאמיוניטיס און די סטעיט'ס גרעסטע קאמיוניטי לופט נאכפאלגונג אינציאטיוו אין 10 שוואכערע קאמיוניטיס אריבער די סטעיט צו העלפן ציהלן לופט פארפעסטיגונג און באקעמפן קלימאט טויש.

###

נאך נייעס קען מען באקומען ביי www.governor.ny.gov
ניו יארק סטעיט | עקזעקיוטיוו טשעימבער | press.office@exec.ny.gov | 518.474.8418
שרייבט זיך איין צו באקומען די לעצטע נייעס פון די גאווערנער'ס אפיס: ny.gov/signup | טעקסט די ווערטער NEW YORK צו 81336

זיך ארויסשרייבן